בס"ד

# טיב הקהילה אידיש

דער בלעטל אויף 'אידיש'

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'
בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

נח
ד' חשון תשפ"ג

גליון מס': ב

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 5:18 |
| מוצש"ק | 6:30 |
| ר"ת | 7:10 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:52 | סוז"ת א' | 10:02 |
| סוזק"ש ב' | 9:35 | סוז"ת ב' | 10:31 |

די צייטן לויט די זומער זייגער

## טיב המערכת

### ◆ תמים היה בדורותיו ◆

אסאך מאל שטייט דער מענטש און פרעגט זיך אליין: ווער בין איך? בין איך דער נח איש צדיק, אדער חלילה דער ישמעאל בן אברהם? די פראגע לאזט נישט נאך, ווייל בלויז עטליכע טעג צוריק האסטו געטאנצט מיט די תורה עד כלות הנפש ממש מיט א געוואלדיגע שמחה וואס איז נישט צו באשרייבן, און ביסט זיכער געווען אז דו וועסט זיין אליין א חתן בראשית, אט הייבסטו אן א נייע התחלה, פארגעסנדיג אלעס וואס איז געווען ביז יעצט, מער נישט קיין דורכפעלער, מער נישט אויסהערן דעם עצת היצר, פון היינט אן בין איך א נייע מענטש, אן עכטער חתן בראשית. אבער דעמאלטס קומט דער באקאנטער קול פון אינעווייניג, וועלכער מוסר'ט דיר און זאגט אז דו ביסט פשוט א ליגנער און דו נארסט דיך אליין אפ און דו פראבירסט אויך צו "ארבעטן" אויפן רבונו של עולם. אט די מחשבות זענען אויך אריין ביי דיר אין קאפ אום יום הכיפורים, און די זעלבע מחשבות זענען אויך געווען אום ראש השנה. אויף וועם פראבירסטו צו ארבעטן? דו האסט דיך נישט געטוישט און דו וועסט דיך נישט טוישן...

אויף אט די פראגע ענטפערט רש"י הק' אין אנהייב פון אונזער פרשה אויף די ווארט "בדורותיו", "יש שדורשים אותו לשבח ויש שדורשים אותו לגנאי". דער יצר הרע כאפט שטענדיג אונזערע שוואכקייטן, ווען איך בין אין א מצב פון התעלות, זאגט ער מיר אז אויב וואלט איך געווען אינעם דור פון אברהם וואלט איך גארנישט

>>> | המשך בעמוד ב' | >>>

## טיב הפרשה

# א תיבת נח – אין די היינטיגע וועלט

אין די וואכענדיגע סדרה לערנען מיר די פרשה פון נח מיט דער מבול. מיר לערנען אז השי"ת האט געהייסן פאר נח אז אין דער דור המבול זאל ער זיך בויען א גרויסער תיבה און אזוי ארום וועט ער געראטעוועט ווערן פון דעם שווערן מבול.

חז"ל זענען אונז מגלה אז נישט אזוי גרינג איז אנגעקומען פאר נח צו בויען זיין תיבה. פאר גאנצע 120 יאר איז ער געשטאנען און זיך געפלאגט צו בויען די תיבה ביז ווען עס איז געשטאנען גרייט ער זאל עס קענען נוצן.

אבער די שווערע פלאג און הארעוואניע וואס ער האט אריינגעלייגט אין די תיבה האט זיך נישט געענדיגט דארט. אויך ווען ער איז אריין אין די תיבה האט ער זיך ביטערליך געפלאגט מיט די ארבעט אין די תיבה.

טאג טעגליך, פון די פריע טאג שעה'ן, האט זיך נח ארומגעדריידט און געגעבן צו עסן פאר יעדער בעל חי אין די תיבה און ווי דער מדרש זאגט אויף די ווערטער 'וישאר אך נח' אז נח האט געקרעכצעט פון גרויס מידקייט און מוטשעניש.

לכאורה ווען איז זיך מתבונן אין דער וועג ווערט אביסל שווער עס צו פארשטיין. מיר ווייסן דאך אז השי"ת איז א כל יכול און ער וואלט דאך געקענט ראטעווען נח אין אזויפיל סארט וועגן. צו וואס האט אויסגעפעלט אז עס זאל זיין אין אזא שווערע וועג? אז די מבול וואסער זאל נישט שולט זיין אויף אים?

נאר עס קען זיין אז פון הימל האט מען עקסטער אזוי געפירט, ווייל עס איז א לימוד לדורות. עס קומט אויסצולערנען פאר די קומענדיגע דורות אז ווען עס גייט א מבול אויף די וועלט איז נישט דא קיין אנדערע וועג, וואס מען קען זיך ראטעווען פון דעם, נאר צו בויען א שטארקער און א גרויסער תיבה, וועלכער וועט אונז באשוצן פון די שווערע רעגן און די שטארקע רוחות וואס בלאזן אינדרויסן.

און דער גדאנק איז א שטארקער לימוד אויך אין דעם היינטיגן דור. מיר לעבן היינט אין א וועלט וואס איז ממש א דור המבול. די וועלט איז א פארפלייצעניש פון תאווה מיט זוהמא, עס בלאזט רוחות פון כפירה, און די עצה איז, זיך ארומצונעמען מיט א גרויסע און א שטארקע תיבה, זיך פארמאכן און פארשליסן פון די גאס, צומאכן דער טיר פאר אלעס וואס דער גאס שטעלט פאר, זיך אפהיטן פון זיי. ווייל נאר אזוי וועלן מיר קענען ערציען ערליכע דורות, אז מען וועט זיין פארשפארט אין אונזער תיבה און נישט וועלן האבן קיין שייכות צו די גאס.

אבער די תיבה דארף נישט נאר זיין פאר די שטוב, נאר אויך דער מענטש אליין דארף זיך בויען א תיבה. און די מענטשליכע תיבה איז חשבון הנפש. אז א איד וויל שטייגן און ווערן העכער אין עבודת השם איז נישט דא קיין אנדערע עצה ווי זיך בויען א פריוואטער תיבה, אז ער זאל זיך טאג טעגליך מאכן א חשבון הנפש, אז ער זאל מקדיש זיין א שעה אין טאג און זיך מתבונן זיין בינו לבין קונה און אריינטראכטן וואס איז זיין פליכט אויף די וועלט. וואו שטיי איך? צי ווער איך בעסער אדער ערגער? אין וועלכער ריכטונג גיי איך? צי בין איך א עולה אדער חלילה א יורד?

מען טרעפט אז אלע צדיקים פלעגן דאס טון. יעדער צדיק, יעדער גדול, האט געהאט קביעות'דיגע צייטן ווען ער פלעגט זיך פארשפארן אין א צימער און מאכן דארט א חשבון הנפש.

דער זון פון דער חפץ חיים זצוק"ל דערציילט דאס אויף זיין טאטע, ער זאגט אז זיין טאטע האט געהאט א שעה אין טאג וואס ער פלעגט זיך פארשפארן אין זיין צימער און דארט פלעגט ער זיך מאכן א חשבון הנפש און זיך מתבודד זיין בינו לבין קונו.

אויך פון די חיות קען מען זיך ארויסלערנען א

>>> | המשך בעמוד ב' |

מיט א שבח והודיה פאר'ן בורא עולם
זענען מיר דא מבשר די גוטע בשורה
אז די וועכענטליכע
גליון 'טיב הקהילה'
וועט פון היינט און ווייטער
ארויסקומען יעדער וואך - אין די
אידישע שפראך
[אין צוגאב צו די גליונות וואס קומען ארויס אויף לשה"ק און ענגליש]
---------------
באמערקונג! דער אינהאלט אין די אידישע גליונות איז
אנדערש ווי די גליונות אין לשון הק'

זמנים
אויף קבלת קהל
0534-100024

טיב ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רביטביץ | עורך: ש. גולדשטיין

>>> | טיב הפרשה | המשך מעמוד א' |

בחינה. מען זעט אז השי"ת האט געהייסן אז נח זאל אריינעמען אין די תיבה טמא'נע חיות. מען קען זיך וואונדערן וואו קומט אריין אין אזא הייליגער פלאץ די טמא'נע חיות? אבער גענוי דאס וויל אונז די תוה"ק אויסלערנען.

עס קען זיך צומאל דוכטן פאר'ן מענטש אז ער איז דומה צו א דבר טמא. ער איז אזוי נידריג, ער איז אומריין. אין אזא מצב קען ער זאגן צו זיך, וואס לוינט מיר דער חשבון הנפש? ער וועט דאך סייווי גארנישט טרעפן דארט. אזא זאך איז געמאכט פאר געהויבענע אידן, איך וועל נאר ווערן ערגער פון דעם.

קומט אונז דער תיבה לערנען אז אויך ווען עס איז דא אין איר טמא'נע בעלי חיים, עס איז פול מיט די ערגסטע חיות, די מערסטע פארצוקענדע, דארף מען זיך מאכן א חשבון הנפש. ווייל ווען א מענטש זיצט מיט זיך און מאכט זיך א חשבון הנפש, וועט דער סוף זיין אז ער וועט פון דעם חשבון שעפן כוחות זיך צו קענען ארויסגיין פון די טומאה און ווערן העכער און אויסשטייגן למעלה.

ביי אסאך מענטשן איז דא אן איינרעדעניש אז דער חשבון הנפש דארף מען מאכן אין א ספעציעלער צייט אבער דער אמת איז אז מען קען עס אויך מאכן ווען מען איז ביי די געשעפטן און עס קומט אונטער א פרייע מינוט.

איך האב געקענט גאר א חשובער איד וואס האט געלערנט אין די ישיבה פון שער השמים. דער איד האט געשטאמט פון פוילן און איז געווען א גרויסער מתמיד. טאג און נאכט האט ער געלערנט בהתמדה רבה.

האט מען אים אמאל געפרעגט ווי אזוי ער האט זיך קונה געווען אזא התמדה? האט ער דערציילט אז זיין טאטע איז אוועק אין די ביטערע קריג, אז ער גערעדנקט נישט קיין סאך פון זיין טאטע, אבער איין זאך ליגט אים אין דיביינער און עס גייט נישט ארויס.

זיין טאטע האט געהאט א שפייז געשעפט און פון דעם האט ער געצויגן זיין חיונה. טאג טעגליך פלעגט זיין טאטע דארט זיצן און באדינען די קליענטן און זיי סערווירן מיט ברויט און מילכיגס, אבער ווי דער סדר פון א געשעפט, מאכט זיך אויך ליידיגע צייטן און ווען עס איז געווען ליידיג די געשעפט טאטע ארומגיין צווישן די פאליציעס און באטראכטן די פראדוקטן און זיך איינגע'חזר'ט זייערע פרייזן אבער יעדער פאר מינוט פלעגט ער געבן א טיפער קרעכץ, פון טיפעניש פון הארץ, ער האט זיך באקלאגט און גערעדט צו זיך ווי איינער זאגט, וועגן דעם בין איך געקומען אויף די וועלט? צו פארקויפן ברויט און מילעך? ווי אזוי וועל איך אנקומען אויבן? אז איך בין אגאנצן טאג פארנומען מיט ברויט און מילעך? מיט רעכענען וויפיל די קעז קאסט? ווען וועל איך שוין ווערן א שטיקל מענטש? דער סוף וועט דאך זיין אז מען וועט דארפן אפגעבן דין וחשבון למעלה.

>>> | טיב המערכת | המשך מעמוד א' |

חשוב געווען. און פארקערט, ווען איך בין אויף א נידעריגער מצב אין עבודת השי"ת, קומט ער און זאגט מיר "בדורותיו", אינעם יעצטיגן דור, באטראכטנדיג דיין מצב, איז עס פונקט גענוג. שטרענג דיך נישט צופיל איבער. דערפאר דארף מען שטענדיג גדענקען אז עס זענען דא וואס דרש'נען אים לשבח און יש דורשים לגנאי, און אלעמאל זאל מען טראכטן פארקערט ווי דער יצר זאגט אים.

(עפ"י טיב התורה-נח)

דערציילט ווייטער דער זון:

ער האט עס געזאגט מיט אזא ביטערניש און עס איבערגע'חזר'ט טאג נאך טאג אז עס איז מיר אריין אין די ביינער, אז אויך נאך דעם וואס עס איז אריבער אזא ביטערע קריג, בין איך געבליבן צוגעבינדן צו די הייליגע תורה און איך קען נישט פועל'ן ביי מיר עס אפצולאזן.

זאל השי"ת געבן אז מיר זאלן ניצול ווערן פון אלע פגעי הזמן און קענען אויסנוצן די יארן בתורה ובמעשים טובים אכי"ר.

# טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

**דורך די לייענערס**

## א בת קול פאר איין פארגעסענער מאנטל

עס איז געווען א קאלטער טאג אין ירושלים. נאכ'ן דאווענען בין איך ארויס פון שול און איך האב זיך געגרייט אהיימצוגיין.

פלוצלונג שרייט מיר איינער נאך.

"האסט פארגעסן דיין מאנטעל אין שול".

דער איד האט רעכט. איך האב טאקע פארגעסן מיין מאנטעל אין שול. איך בין צוריק עס צו נעמען און כ'געב א קוק ווער איז דער וואס דערמאנט און מיין וואונדער שטייגט.

איך קען נישט דער איד! ווער איז ער? פון וואו ווייסט ער אז איך האב דא פארגעסן מיין מאנטעל.

"יישר כח". געב איך אים א זאג.

דער איד קוקט מיר אן! ער ווייסט נישט וואס איך וויל פון אים! וואס איז דער יישר כח.

"דו האסט מיר געזאגט וועגן די מאנטעל".

"איך האב נישט גערעדט צו דיר, איך האב געמיינט א צווייטן".

ער האט געמיינט א צווייטן אבער ער איז אויך געווען דער גוטער שליח מיר צו דערמאנען וועגן מיין פארגעסענער מאנטל.

[דערציילט דורך דער בעל המעשה י.ד.ר]

• - • - •

## צאן פאר איינס

פאר יארן לאנג האב איך געקוקט מיט קנאה אויף די אידן וואס לערנען דער דף היומי.

איך האב זיי מקנא געווען אז זיי זענען זוכה צו ענדיגן מסכתות איינער נאך די אנדערע און אויסגעקוקט אויפ'ן טאג ווען איך וועל זוכה זיין צו זיין איינער פון זיי.

עס איז געווען ביי דער לעצטער סיום. נאך דעם סיום בין איך צוגעגאנגען צו איינער פון די חשובע אידן וואס האבן אנטיילגענומען ביי דער סיום און אים געבעטן א ברכה אז איך זאל זוכה זיין אז ביי דער קומענדיגער סיום צו זיין פון די מסיימים. דער איד האט מיר געגעבן די ברכה און א גוטע עצה וויאזוי איך קען דאסמאל יא זיך אנשליסן אין דער סיום.

און מיט'ן אויבערשטענס הילף האב איך אנגעהויבן און זוכה געווען מסיים צו זיין די ערשטע מסכתא. און זיך געגרייט צו אנהייבן די צווייטע, אבער צו קענען לערנען מוז מען דאך האבן א גמרא. אזוי ווי אין מיין געגענט איז נישט דא קיין ספרים געשעפט וואס פארקויפט א געוויסער סארט גמרא וואס איך גלייך זייער בין איך ארויסגעפארן צו די שכינות'דיגע שטאט ביתר, אבער צו מיין מזל זענען אלע געשעפטן געווען פארמאכט.

זוכנדיג נאך איינער וואס קען מיר העלפן האב איך געקלינגען פאר מיין ברודער און אים געפרעגט וואו עס קען זיין נאך א ספרים געשעפט? מיין ברודער האט מיר געזאגט אז ער ווייסט נישט, אבער ער עצה'ט מיר אז איך זאל מתפלל זיין און די ישועה וועט זיכער קומען צוגיין.

איך האב אים געפאלגט, און נאכ'ן זוכן האב איך געהערט אז אין די שטאט אפרת איז דא א ספרים געשעפט. נישט וועלענדיג פארן אומזיסט אהין האב איך אריינגעקלינגען אין דער געשעפט און געוואלט הערן צו דער געשעפט איז נאך אפען. צו מיין מזל האט קיין איינער נישט געענטפערט. איך האב מורא געהאט אז זיי זענען שוין פארשפארט, אבער

הפשך מעמוד הקודם | טיב ההשגחה >

איך דאך האב איך גענומען די ריזיקע און אויפ'ן וועג אהיים בין איך אריינגעפארן אין די שטאט אפרת און איך בין צוגעפארן צו די געשעפט.

איך געב א קוק און כ'גלייב נישט וואס איך זעה - דער געשעפט איז ברייט אפען. איך האב א פרעג געגעבן דער פארקויפער צי ער האט אזא גמרא פון מסכת שבת.

"עס איז מיר געבליבן די לעצטע, עס איז אביסל גרעסער ווי נארמאל".

נו, דאס איז פונקט וואס כ'דארף, האב איך אים געגעבן א זאג.

איך בין שוין געווען אויפ'ן וועג ארויס ווען עס קומט אריין א פרוי און וויל עפעס קויפן.

"איך בין שוין פארשפארט". זאגט דער געשעפט אייגענטומער.

איך קוק אים אן אויב איז ער פארשפארט ווי אזוי קען זיין אז ער איז דא.

דער געשעפט אייגענטומער זעענדיג מיין וואונדער האט ער מיר געגעבן צו פארשטיין אז למעשה איז ער שוין געווען פארמאכט, אבער איינער פון זיינע גוטע קליענטן האט אים אריינגעקלינגען און געבעטן אז ער דארף דרינגעד א פאק פון צען ספרים, און פאר אזא גוטער קליענט האט ער נישט געקענט אפזאגן איז ער געגעבן א קום אריין אין געשעפט און אזוי ארום האב איך אויך פארדינט.

פון הימל האט מען אזוי געפירט אז איך זאל קענען באקומען די גמרא וואס כ'דארף האבן. און קענען ממשיך זיין מיט מיין אונטערנעמונג און זיך ווייטער האלטן צו דער סדר פון ענדיגן ש"ס אויפ'ן סדר, אזוי ווי איך האף צו טון בעזר השם.

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים
מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה סמואלס

אין פקס: 15326517922

• § • § •

אדער אין אימייל: o.y.wines@gmail.com

# טיב המעשיות

רבי אהרן ספיר האט געכאפט נאך א בליק אויפן קלארן הימל, און זיין געזיכט איז פארטונקלט געווארן. דאס איז געווען א הונגער־יאר, א טרוקעניש האט באטראפן די געגנטער וואס יאר־יערליך זענען זיי געווען גוט אנגעזעטיגט.

דאס יאר, האבן די הימלען זיך אפגעשטעלט און קיין רעגן איז נישט אראפגעגאנגען. אזוי האט זיך עס געצויגן זייער א לאנגע צייט. אויב עס וועט ווייטער נישט רעגענען, וועלן ער מיט זיינע שותפים מער נישט דארפן קיין רעגן דא אינעם געגנט פאר א לענגערע צייט.

די פרנסה פון רבי אהרן מיט זיינע שותפים איז געווען דורכן האנדלען מיט האלץ. אזוי ווי אסאך אנדערע אידן אין יענע תקופה, האבן זיי אפגעדינגען א שטיקל פונעם וואלד וואס איז נאנט געווען צום טייך, דארט האבן זיי געדינקען ארבעטער וועלכע האבן אפגעהאקט טויזנטע גוטע און דיקע ביימער, וועלכע זענען פאסיג פארוואנדלט צו ווערן גענוצט פאר מעבל. די העלצער האט מען צוזאמגעבינדן און געמאכט דערפון אזעלכע קעסטלדיגע פלאטעס, און דאס האט מען אראפגעשיקט אויפן ווייסל טייך אין פוילן, אזוי איז עס געפארן דורך גאליציע און דייטשלאנד ביז צום גרויסן האנדל־שטאט דאנציג, וואו מען האט פארקויפט די העלצער פאר די סטאלערס וואס האבן געמאכט דערפון שיינע שטארקע מעבל.

אין יענעם יאר, אבער, זענען זיי געשטאנען פאר א שווערער פראבלעם. צוליב די טריקעניש איז די ווייסל טייך אנגעקומען צו זייער א נידעריגן שטאפל, אזוי אז מען האט נישט געקענט שיקן די ביימער איבערן וואסער. און די העלצער געשטאנען ביים ברעג טייך כְּאֶבֶן שֶׁאֵין לָהּ הוֹפְכִין.

די דריי שותפים, רבי אהרן ספיר, זיין ברודער רבי יצחק און דער דריטער שותף, רבי משה שווארץ פון דזשיקוב זענען געווען פארלוירן. פון איין זייט, האט דער פריץ, צו וועם דער וואלד האט געהערט, געפאדערט זיין געלט אזוי ווי יעדן יאר, און אויך די ארבעטער האבן געפאדערט זייער באלוינונג. פון די אנדערע זייט, האבן די האלץ אגענטן זיי געלאזט וויסן, אז אויב די סחורה וועט נישט אנקומען ביז א קורצע צייט, וועלן זיי זיך דארפן שטעלן צום געריכט צוליב די שאדנס וואס איז געקומען דורך זיי. אין זייער ענגשאפט האבן די צוויי ברידער ספיר באשלאסן צו פארן צו זייער רבי'ן, דער הייליגער שינאווער רב זיע"א. דער דריטער שותף, וועלכער איז נישט געווען קיין חסיד, האט באשלאסן צו בלייבן אינדערהיים, אין דזשיקוב.

ווען די ברידער זענען אריינגעגאנגען אל הקודש פנימה, האט רבי אהרן זיך געוואנדן צום רבי'ן און געזאגט: רבי, דאס טרוקעניש האט אינגאנצן חרוב געמאכט אונזער מסחר, מיר זענען געקומען בעטן פונעם רבי'ן, אז ער זאל אונז אראפלאזן רעגן.

אראפלאזן רעגן?! האט זיך דער רבי געוואונדערט, הֲתַחַת אֱלֹקִים אָנִי?! מיר ווייסן דאך, אז דריי שליסלעך געפינען זיך נאר ביים אויבערשטן, נישט האבנדיג זיי איבערגעגעבן פאר קיין שליח, און איינער פון זיי איז דער שליסל פון רעגן, וואס קען איך טון?

רבי, האט רבי אהרן געזאגט, עס איז דא א זארג אז עס וועט ארויסקומען דערפון א גרויסער חילול השם, וויבאלד צענדליגער אלמנות און יתומים האבן געלאזט ביי אונז זייער געלט, חתנים און כלות האבן אוועקגעלייגט ביי אונז זייער נדן, סוחרים האבן אונז געגעבן אויף בארג און עֲרֻבוֹת'ן. דאס אלעס שטייט יעצט אין געפאר, אויב מיר וועלן ח"ו גיין באנקראט וועלן די אלע געלטער פארלוירן ווערן און עס וועט ארויסקומען דערפון א גרויס חילול השם!

דער רבי האט זיי אויסגעהערט מיט גרויס ערנסטקייט, זיך אביסל פארטראכט, און דערנאך האט ער געזאגט: ווארטס דא ביז נאך שבת, און דעמאלטס וועל איך אייך ענטפערן.

מוצאי שבת, גלייך נאך הבדלה, האט מען אריינגערופן די ברידער צום רבי'ן, און ער האט געזאגט צו זיי ווי פאלגנד:

מיין ערשטער ענטפער - התחת אלוקים אני - איז געבליבן אומגעטוישט.

די געזיכט פון די ברידער איז ווייס געווארן. די הענט פון רבי אהרן האבן גענומען ציטערן, און אויך פאר רבי יצחק האט אנגעכאפט א טרייסל.

אבער, האט דער רבי פארגעזעצט, איך האב א קבלה פונעם רבי'ן פון לובלין, אז ווער עס וועט דארפן א ישועה און ער וועט מקרב זיין אן אייניקל פונעם רבי'ן רבי אלימלך פון ליזענסק זיע"א, וועט אינגיכן געהאלפן ווערן.

איך האב געטראפן פאר אייך א כשר'ע מציאה. ביי מיר אין הויז איז ערצויגן געווארן אן ארימע יתומה וועלכע איז אן אייניקל פונעם רבי'ן רבי אלימלך, און איז יעצט אנגעקומען לפרק האשה נישאת, נאר זי האט נישט קיין פרוטה לפורטה צו קענען חתונה האבן. יעצט, אויב זאגט איר צו אז איר וועט איר חתונה מאכן און אראפלייגן אלע הוצאות הנישואין, בין איך אייך מבטיח אז מיטן אויבערשטנ'ס הילף וועט נאך די וואך אראפגיין רעגן.

דער רבי האט זיך פארזוימט א רגע, און דערנאך געזאגט מיט שטארקייט: נאך די וואך, ביז פרייטיג שפעטסטנס.

א ברייטן שמייכל האט זיך אויסגעשפרייט אויף די געזיכטער פון די ברידער. צו אזא הבטחה האבן זיי זיך נישט געראכטן אפילו אין זייער בעסטן חלום. זיי זענען

הפשך בעמוד הבא >

**זיכער געווען** אז די בטחה פונעם רבי'ן וועט נישט **צוריקגיין ליידיג.** זיי האבן תיכף געלאזט וויסן **דעם רבי'ן:** מיר וועלן געבן אלע הוצאות פון די חתונה.

**זיי האבן זיך גלייך אוועקגעזעצט און געמאכט דעם חשבון וויפיל אלעס דארף קאסטן.**

**פאר א חשוב'ער חתן אזוי ווי דער רבי וועט וועלן נעמען פאר די אייניקל פונעם רבי'ן רבי אלימלך, דארף מען געבן נדן זעקס הונדערט קרוינען (א סארט מטבע).**

**זעקס הונדערט? האט דער רבי געזאגט. ניין, האלב דערפון איז גענוג, דריי הונדערט קרוינען.**

**און די שמחת החתונה וועט קאסטן הונדערט קרוינען. דער רבי, אבער, האט אפגעשאצט אז עס דארף נאר זיין פופציג.**

**קליידער פאר די כלה וועט זיין פופציג קרוינען. ניין, האט דער רבי געזאגט, פינף און צוואנציג וועט גענוג זיין.**

**אזוי איז דאס געגאנגען ווייטער, יעדער סומע וואס זיי האבן געזאגט, האט דער רבי אראפגענומען דערפון פופציג פראצענט. ווי נאר מען האט געענדיגט מאכן דעם חשבון, האבן זיי גלייך ארויסגענומען די פולע סומע און עס איבערגעגעבן פארן רבי'ן, כדי נאנט צו לייגן דאס נתינה צו זיי אמירה.**

**די ברידער זענען ארויסגעגאנגען מיט א פרייליכן הארץ פונעם רבי'ן, פרייליך אויף די מצוה פון צדקה צו וועלכע זיי האבן זוכה געווען, און פרייליך אויף די קלארע הבטחה וואס דער רבי האט זיי געגעבן.**

**אזוי ווי זיי זענען ארויסגעגאנגען, האט זיי דער רבי באפוילן: שיקט א טעלעגראם צו אייער שותף קיין קראקא, און הייסט אים אז ער זאל שוין הייסן די ארבעטער צוזאמבינדן אלע העלצער וואס זענען אויסגעשפרייט נעבן טייך, אזוי ווי איר טוט יעדע יאר.**

**חיים דעמביצינער איז אויך געווען א האלץ סוחר, אויך ער האט געהאט גרויס שאדן פון די היצן, אבער וויבאלד ער האט אויך געהאנדלט מיט אנדערע זאכן און נישט נאר מיט העלצער, האט ער שלום געמאכט ביי זיך אין הארץ מיט שאדן. אינעם זעלבן וואך איז חיים אנגעקומען נעבן דעם טייך, און צו זיין גרויס וואונדער האט ער געזען ווי זיין פריינד דער סוחר משה שווארץ שטייט און הייסט פאר די פארשוויצטע ארבעטער צו צובינדן די טויזנטער העלצער און מאכן פון זיי קעסטלער וואס יעדער איינער איז צוזאמגעשטעלט פון פינף און צוואנציג ביימער.**

**ער איז געבליבן שטיין ערשטוינט. וואס איז געשען צו משה און זיינע שותפים? זענען זיי משוגע געווארן? פארוואס זאל מען אריינלייגן כח און און געלט צו צובינדן די העלצער, אינדערצייט וואס די ערד איז טרוקן און דער זון באקט אזוי ברענענדיג?**

**איז חיים צוגעגאנגען צו משה און געזאגט צו אים: אויף דיר שיינט אן אנדער זון ווי אויף מיר? ווייסטו נישט אז די טייך גייט אראפ נידעריגער און נידעריגער פון טאג צו טאג? וואס האסטו פון צוזאמבינדן די העלצער אין אזא היץ?**

**מיינע אויגן זעען פונקט די זעלבע וואס דו זעסט, האט אים משה געענטפערט, אבער מיינע צוויי שותפים האבן מיר געשיקט א דרינגענדע טעלעגראם לויטן אנווייזונג פונעם שינעווער רב, אז מען זאל שוין הייסן די ארבעטער צוזאמבינדן די העלצער, האב איך זיי געפאלגט.**

**האט זיך חיים צולאכט און געזאגט: איך האב נישט געוואוסט אז א רבי האט א כח אראפצולאזן רעגן. און האט פארלאזט דעם ארט.**

**חיים דעמביצינער איז נישט געווען דער איינציגער סוחר וואס האט זיך אויסגעלאכט פון די שותפים. יעדער האט געלאכט אויף די דריי שותפים וועלכע האבן זיך גענומען די מיה אינמיטן א קאכעדיג הייסע טאג צוזאמצונעמען צענדליגער ארבעטער, וואס וועלן זיכער פאדערן זייער לוין אויף זייערע שווערע ארבעט. די ברידער ספיר מיט זייער שותף משה שווארץ האבן זיך אבער נישט וויסנדיג געמאכט און האבן ווייטער געארבעט טאג נאך טאג, און אזוי ביז דאנערשטיג מיטאג־צייט האבן די ארבעטער געענדיגט צוזאמבינדן די טויזנטער העלצער וואס די שותפים האבן פארמאגט.**

**דערווייל האט זיך די היץ געשטארקט און די טייך איז נאכמער אראפגעגאנגען, און קיין שום צייכן אויף רעגן האט מען נישט געזען.**

**אבער דער חסיד רבי אהרן ספיר איז געווען אנגעזאפט מיט אמונת חכמים. פרייטיג האט ער באגעגנט איינעם פון זיינע באקאנטע אין די שטאט קראקא, זיך דרייענדיג צווישן די הייזער וועלנדיג פארקויפן פיש וואס ער האט געכאפט ביים טייך.**

**עס לוינט דיר צו קומען מיט מיר, האט רבי אהרן געזאגט צו זיין פריינד. עס גייט זיך אראפלאזן א שטארקע רעגן, דער רבי האט געזאגט - שפעטסטנס ביז פרייטיג.**

**דער פיש סוחר איז זיכער געווען אז רבי אהרן האט אים דאס נאר געזאגט כדי אים צו ראטעווען פון דעם שטארקן היץ וואס האט געהערשט אינדרויסן, אבער פארוואס זאל ער זאגן ניין צו אזא גוטע פארשלאג? איז ער שנעל ארויפגעגאנגען אויפן וואגן.**

**קוים זענען זיי געפארן צוויי פַּרְסָאוֹת, און די זון איז שוין געווען באדעקט מיט שווארצע וואלקענעס, שטארקע בליצן האבן זיך אנגעזען אויף אלע זייטן, א מעכטיגער דונער האט זיך אראפגעלאזט אויף די איינוואוינער, און א שטארקער רעגן האט גענומען פארפלייצן די ערד. מיט גרויס שוועריקייט האט זיך דער וואגן געשלענגלט אין די בלאטע. דער רעגן איז געווארן אלס שטארקער, און אזוי האט גערעגנט עטליכע טעג, ביז דער טייך־ווייסל איז ארויף אויף זיינע ברעגן, מיטשלעפנדיג אלע העלצער מיט זיך.**

**אלע סוחרים וועלכע האבן נישט צוגעבינדן זייערע העלצער, האבן געקוקט מיט באדויער ווי זייערע העלצער זענען פארשלעפט געווארן צום טייך. נאר די צוזאמגעבינדענע ביימער פון ספיר און שווארץ האבן זיך גענומען פארן צו זייער ציל, די שטאט דאנציג, מיט גרויס שנעלקייט.**

**באגייסטערט האבן די ברידער געזען ווי עס ווערט מקוים דער פסוק "צדיק מושל יראת אלוקים", ווי די גמרא דרש'נט עס "אמר אלוקי ישראל, מי מושל בי? צדיק, שאני גוזר גזירה והוא מבטלה".**


# על הברכה יעמדו

ניתן להנציח את העלון לשמחות, לברכה והצלחה או ליארצייט | התורמים להפצת העלון | לקבלת העלון במייל (דוא"ל) נא לשלוח למייל המצו"ב

לע"נ יעקב בנים ישראל

לע"נ מרת הינדל בת משה יוסף ובלומה

יוסף בן טילה רחא לרפואה שלימה

האחים היקרים העומדים תמיד לימין רבינו הרב יהודה בן שרה שיינדל והרב שאול יחזקאל בן שרה שיינדל וכל משפחתם - להצלחה בכל העניינים

שרה שיינדל בת טילה רחה להצלחה בכל העניינים

לע"נ מרת חיה סאסא בת לאה נלב"ע י' סיון תנצב"ה.

לע"נ הבחור שמואל מאיר ז"ל בן יבלחט"א רבי ישראל יצחק נלב"ע י"ח כסלו תנצב"ה.

גרפצ'יק טל: 02-5002321

קשת הרשת 02-6257948

גל-פז

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173